ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית

## מרת **חנה** ע״ה ז״ל


אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל

**מוהר״ר ר׳ לוי יצחק**

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת

**אדמו״ר מנחם מענדל**

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש


•


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פּאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

ב"ה.

## פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת כ"ף של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

כ"ח שבט, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.


**RESHIMAS ZICHRONOS**
KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 20



Published and Copyrighted © 2012
by



**KEHOT PUBLICATION SOCIETY**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com



All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.



*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

# אַ „מעין־הנובע"

די דירה אונזערע איז געווען צום גאַס, קיין טויער, געוויינליך, איז ניט געווען. במילא האָט מען געזען ווער עס איז אַריינגעגאַנגען. מערסטנס פון זיי זיינען געווען מיט „בערד" וואָס האָט זיך זייער באַמערקט. די „היצן" זיינען געווען זייער גרויס, איז ביינאַכט, אַז עס איז געוואָרן „קילער", ניט אַזוי הייס אין שטוב, איז מען גאַנץ אָפט געזעצן מיט פאַרמאַכטע לאָדנס, כדי מען זאָל זיי ניט אַזוי „זעהן" ווער עס גייט דורך דער גאַס.

און אַז עס איז געוואָרן טונקעלער, האָבן זיך די אַלע צוזעצט אין „הויף", ווי ווער אויף וואָס מען האָט געהאַט. קיין „בֵּיינק" איז ניט געווען פאַר אַלעמען, געווען אַזעלכע וואָס פלעגן זיך „לייגן" אויף די גראָז, פשוט אויף דער ערד. דאָס האָבן געטאָן געוויינלעך די יונגערע.

אַ מין „הנאה" וואָס זיי האָבן געהאַט פון דעם פאַרברייינגען, דאָס האָב איך ניט קיין אותיות אויף איבערגעבן.

„ער", איז שוין געווען זייער דאַר אויף דעם געזיכט און אַ מאָדנע „בלייכקייט". ווי עס האָט דערנאָך אויסגעוויזן, איז ער שוין דעמאָלט געווען אַ „חולה מסוכן". אָבער ווען ער האָט גערעדט און פאַרבראַכט מיט די צוהערער, איז דאָס געווען אַ „מעין־הנובע", דער פּנים איז געוואָרן ווי ביי אַ „געזונטן" מענטשן, דער קול אַזוי שטאַרק, אַז אַלץ האָט זיך פאַרגעסן.

נאָך יענע באַדינגונגען, איז אִי די „הערער" אִי דער „משפיע" האָבן געקענט דערפאַר צאָלן זייער טייער. זיי פלעגן זיך צוגיין מיט שרעק פון אונז, און מיר פלעגן בלייבן מיט שרעק אין שטוב. יעדער „שאָראָק"[318] וואָס מען האָט געהערט האָט זיך געטראַכט, ווער איז דאָס? נאָר דאָס

318) רשרוש.

האָט ניט אָפּגעשטעלט אויף מאָרגן, אָדער אין אַ פּאָר טעג אַרום ווייטער זיך צונויפקלייבן אין אַ מסיבה.

אַזוי איז די צייט געגאַנגען. אַלע טאָג איז צוגעקומען נייע באַקאַנטע. עס איז געווען היפּש אָנגעפּאָרענע אידן פון אוקריינע, ווייס־רוסלאַנד, מאָסקווא און לענינגראַד.

וויפל „שולן" עס איז געווען אין שטאָט — מיר האָבן געוואָוינט אויסערן שטאָט — זיינען געקומען „דעליעגאַציעס" איינלאַדן אים דאַווענען, און אַז ניט, איז פון צייט צו צייט לערנען, אַרויסטרעטן פאַר דעם עולם.

אויך האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן איינאָרדענען באַזאָרגן מאַטעריאַל, עס זאָל זיין אַלע הצטרכות. און דאָס האָט זיך געטאָן אין אַזאַ שיינע בכבוד'יקע פאָרמע, וואָס מען זעט זעלטן.

איך האָב גאָרניט געוואוסט וואָס פאַר אַן אָרט ער פאַרנעמט און ווי מען שאַצט זיין גרויסקייט. אָבער ארייַנצייטיק מיט דער פאַרבעסערונג, האָט פּראָגרעסירט זיין קריינק. עס האָט אים געטראָגן דער גייסט, דער רוח, אָבער ניט מער.

מען האָט צו אים גערופן דאָקטוירים, אָבער זיין געזונט איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. אויף גיין האָט ער דאָך געדאַרפט פיזישע כחות וועלכע זיינען ניט געווען.

אויף די אַיינלאַדונגען האָט ער שוין ניט געהאַט קיין כח צו גיין, און איז אין שטאָט אפילו איין מאָל ניט געווען.

* * *

## גערעדט מער ווי צוויי שעה נאָכאַנאַנד

אין דער צייט איז געווען אַ „ברית־מילה" ביי איינעם פון אונזערע „גוטע פריינט". זיי האָבן גערופן אַ גרויסן עולם, פון אַלע־ערליי קרייזן, און האָבן געזאָגט אַז ער וועט זיין דער „גאַסט". עס זיינען געקומען מער מענטשן וויפל מען האָט צוגעשיקט הזמנות. עס זיינען געווען, וויפל עס האָט זיך דאָרט געפונען, בני־תורה, וועלטלעכע, געלערנטע וועלכע

זיינען שייך צו אידישקייט, אויך סוחרים און אָנגעשטעלטע ביי מלוכה אַנטשטאַלטן, ווי דער רוב איז דאָרט.

ער איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ שוואַך, אָבער האָט ער גערעדט מער ווי צוויי שעה נאָכאַנאַנד אָן אַ הפסק. זיי, די „הערער", האָבן גאָרניט פאַרשטאַנען ווי האָט אַ רעליגיעזער רב אַזעלכע גרויסע קענטעניש אין אַלע געביטן.

דאָרט איז געווען צוויי מאַטימאַטיקער, וועלכע האָבן אים געפרעגט שאלות אין חשבון, און זיינען „צוטומלט" געוואָרן – ווי זיי האָבן געזאָגט – פון זיינע ענטפער.

דער עיקר האָט ער דאָך גערעדט חסידות. און עס זיינען דאָרט געווען עטליכע פון אנ"ש, און איינער פון זיי האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל רעדן מער וועגן „עבודה", ניט אַזויפיל „השכלה".

* * *

## געשלונגען זיינע „תירוצים"

– געווען צייטן ווען ער האָט געהאַט אַן „אָפּאָזיציא" אין דעם דרך פון זיין רעדן חסידות[319]. אַנדערע האָבן געזאָגט אַז צופיל „קבלה", און געווען אַזעלכע וואָס האָבן געפונען צופיל „השכלה". איך פאַרשטיי דאָך אין דעם ניט, נאָר איך האָב געזען די מענטשן וועלכע זיינען געקומען אָנגעגאַרטלט אויפמאָנען ביי אים אָן אַ שיעור.

מערסטן האָבן ניט געהאַט קיין שטאַרקייט אויף קריטיקירן זיין „לערנען". עס איז אָבער געווען גאַנץ ווייניק וואָס זיי האָבן עפּעס גערעכנט – ווי האָב איך געזען – אַז צוליב „חסידות" און צוליב דעם אַווטאָריטעט וואָס ער האָט אין דעם עולם, דאַרפן זיי דאָס אים זאָגן.

במילא, ביים אָנפאַנג פון זאָגן, זיינען זיי געקומען מיט „מאַטיעריאַל" – ווי זיי האָבן געמיינט – אָבער דאָס האָט געדויערט איין מינוט. גלייך זיינען זיי אַבסאָליוט בטל געוואָרן, און גלייך געבליבן אָן

319) כנראה הכוונה לתקופת רבנותו ביעקאַטערינאָסלאַוו.

„אותיות״ ווי מען זאָגט. און אַוועק געגאַנגען ניט די זעלבע, און אויף מאָרגן געקומען מיט אַזאַ הכנעה און ביטול.

און אַלעמאָל מיט נייערע שאלות, און פלעגן ניט הערן, נאָר שלינגען די „תירוצים״ וואָס ער פלעגט זיי געבן, און כמעט אַלעמאָל עפּעס אַזוי מאָדנע אויסשרייען: אַה! אַה! —

דאָס אייגענע איז געווען אויף דער פאַרזאַמלונג פון דעם „ברית״. עס איז געווען אַ צוויי הונדערט מענטשן פון אַלע־ערליי קאַטעגאָריעס.

די רייכסטע פון יענע ביזנעס־לייט, זיינען נתפעל געוואָרן ווי האָט מען דאָס „העזה״ צו מאַכן אַ „באַמערקונג״ אַזאַ מענטשן בעת אַ „דרשה״, ווי זיי האָבן דאָס גערופן.

* * *

## ער האָט דורכגעפירט אַ סך זאַכן

אין זיין קהל'ישע אַרבעט[319], האָט ער כמעט אַלעמאָל געפירט אַ זעלבסטשטענדיקע ליניע, וואָס פון אָנפאַנג האָט ער געהאַט געגנערס, אָבער מיט דער צייט, האָבן זיי זיך אַלעמאָל מיט אים פאַראייניקט[320], און מיט גרויס דרך־ארץ טאָן וואָס ער פלעגט מאָנען.

די לעצטע יאָרן, ווען אין „סאָוועטן־מאַכט״ איז אויף דער אידישער גאַס — ווי מען האָט דאָס דאָרט גערופן דעמאָלט — איז קיין לעבן לחלוטין ניט געווען, ובפרט די רעליגיעזע אַרבעט, איז געווען שטריינג פאַרבאָטן. האָט ער אַ סך זאַכן דורכגעפירט, וועלכע „בהעלם״ און וועלכע אָפענערהייט. ער פלעגט דאָס מאַכן מיט אַ פּראַלעטאָרישן[321] „צוגאַנג״, און די וואָס האָבן געדאַרפט שטערן, עס זאָל ניט געטאָן ווערן, האָבן זיך געמאַכט ניט זעענדיק.

* * *

320) ראה גם לעיל 000. לקמן ע׳ 000.

321) לכאורה הכוונה שהיה עושה זאת במסווה של פעילות פרולטרית (סיוע לפועלים עניים וכיו״ב).

# עולמ׳ישע אידן און אנ״ש

אין אַלמאַ־אַטאַ, וואו מיר האָבן געוואוינט, איז געווען אַ הִיפּשער קיבוץ פון אידן וועלכע האָבן געדונגען אַ שטוב ביי אַ קאַזאַך אויף אַ „מנין״ צו דאַוונען, שבת און אינדערוואָכן זיינען געוויינליך געגאַנגען נאָר עלטערע אידן.

יום טוב און די שבתים וואָס פלעגן צופעליק אויספאַלן אין די טעג פון „רוּ״, ווי למשל אָקטיאָבערסקע־טעג[151], דאָס איז די טעג פון דער „רעוואָלוציע״, אָדער ערשטן מאַי[150], און נאָך אַזעלכע נייע ימים טובים, דעמאָלט האָבן זיך יונגעלייט אויך אַריינגעגנב׳עט אין שול צו דאַוונען.

צווישן די דאַוונער איז געווען עולמ׳ישע אידן און אנ״ש. איז דאָרט געווען אַ „מחלוקת״, ווי, להבדיל, צווישן דעם אַלטן רבי׳ן מיט דעם ווילנער גאון.

דעם שבת וואָס פאַר ב׳ ניסן[103], האָט דער גבאי אויסגערופן, אַז מען גיט היינט קיין „עליות״ ניט קיינעם, אַ חוץ ליובאַוויטשער חסידים[322], איז גלייך, געוויינליך, געוואָרן מנגדים צו דעם אויסרויף. און בכלל איז געווען זייער אומפריינטליכע באַציאונגען פון איינע צו די צווייטע, און וואָס אַמאָל איז די מחלוקת אַלץ געוואָרן שטאַרקער.

וועגן מיין מאַנ׳ס קומען, האָבן זיי געלייגט אַלע כחות עס זאָל זיין אַ סוד פאַר די מיט וועמען זיי האָבן זיך געקריגט.

אָבער שבת אין שול, האָבן זיי אים דערזען, און זיינען געוויינליך צוגעגאַנגען באַקענען זיך. צווישן זיי זיינען געווען מוקירי תלמידי־חכמים.

פון שניאורסאָהן — האָבן זיי געמאָנט — האָבן זיי געהערט און אינטערעסין זיך מיט אים, וואס האָבן די גרופּע מענטשן געמאַכט אַ מאָנפּאָליע ניט צו צולאָזן קיינעם צו אים.

* * *

322) ראה מכתב ה׳ אדר ראשון תרפ״א (אגרות־קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״א ע׳ קמא): „בש״ק שלפניו [ב׳ ניסן] ישתדלו לעלות לתורה״.

## מפגשים ליליים

פתח דירתנו פנה ישירות לרחוב, ומובן שלא היה שער כניסה שיסתיר אותו, כך שניתן היה לראות מבחוץ כל מי שנכנס אלינו. רוב הבאים אלינו היו עטורי זקן, דבר שבלט מאוד.

גלי החום היו כבדים מאוד, ובלילה — כשמזג האוויר נעשה קריר יותר, ולא היה כה חם בבית — היינו יושבים לעתים קרובות כשהתריסים סגורים, כדי שהמבקרים לא ייראו כל־כך לעיניהם של ההולכים ברחוב.

כשהחשיך עוד יותר — היו הכל מתיישבים בחצר, כל אחד על חפץ כלשהו ממה שהיה שם. לא היו מספיק כסאות לכולם, והיו מי שנהגו לשכב על הדשא, פשוט על הקרקע. בדרך־כלל עשו זאת הצעירים שבחבורה.

כמה גדולה היתה הנאתם מבילוי זה במחיצת בעלי! אין בפי מלים כדי לתאר זאת.

באותה תקופה הי כבר פניו של בעלי כחושות מאוד, ושלט בהן חיוורון יוצא מגדר הרגיל. כפי שהתברר לאחר־מכן, הוא כבר היה אז חולה מסוכן. אבל כשדיבר והתוועד עם שומעיו — היה בבחינת "מעיין הנובע": פניו נראו לפתע כפני אדם בריא, קולו היה חזק כקול אדם בריא, וכל מכאוביו כמו נשכחו.

בתנאים ששררו באותם ימים, הן השומעים והן המשפיע היו עלולים לשלם על כל זאת ביוקר רב. אפופי חרדה היו הם עוזבים את ביתנו, ואפופי חרדה היינו אנו נשארים בו. עם כל רחש קל ששמענו חלפה במוחנו המחשבה: "מי זה הפעם?"

יחד עם זאת, הפחדים והחששות לא מנעו את התכנסותו של מפגש שכזה שוב — אם למחרת ואם כעבור מספר ימים.

## החיים באלמא־אטא

כך חלף לו הזמן. מדי יום ניתוספו מכרים חדשים. היו בעיר מהגרים יהודים רבים — מאוקראינה, מרוסיה הלבנה, ממוסקבה ומלנינגרד.

מכל בתי־הכנסת שהיו בעיר — אנו עצמנו התגוררנו מחוץ לעיר

— הגיעו משלחות כדי להזמין את בעלי להתפלל בהם, ואם לא להתפלל — לפחות שיצא מפעם לפעם מביתו כדי ללמוד עם הציבור.

כמו־כן היו מי שהחלו לחשוב על ארגון אספקה של חומרי גלם לייצור ביתי, כדי לספק באמצעותם את כל צרכינו. הדבר נעשה בצורה נאה ומכובדת, שרק לעתים נדירות ניתן לראות כמותה.

כשלעצמי לא ידעתי כלל עד כמה רב המקום שבעלי תופס בקרב אנשי העיר, ועד כמה מעריכים הם את גדלותו.

אך בד־בבד עם השיפור מהבחינה הרוחנית, התקדמה גם מחלתו של בעלי. המצב החדש אמנם רומם את רוחו, אך לא יותר מכך. רופאים נקראו לבקרו, אך עם כל ביקור הידרדרה בריאותו עוד יותר. אפילו כדי ללכת הוא נזקק לכוחות פיזיים שלא עמדו לו עוד.

להיענות להזמנות מטעם בתי־הכנסת — כבר לא היה בכוחו, וכך לא הזדמן לו להיות בעיר עצמה אפילו פעם אחת.

## נאום בן שעתיים בברית־מילה

באותה תקופה התקיימה ברית־מילה אצל אחד מידידינו הקרובים. הם הזמינו ציבור גדול, מחוגים רבים ושונים, והודיעו שבעלי יהיה אורח־הכבוד.

בפועל הגיעו אנשים רבים יותר מכמות ההזמנות שנשלחו. היו שם בני־תורה (ככל שהיו כאלה בעיר), יהודים שאינם שומרי מצוות, מלומדים שיש להם שייכות ליהדות, סוחרים ואף פקידים במוסדות ממשלתיים (כעיסוקם של רוב האנשים שם).

בעלי כבר היה אז חלש מאוד בגופו, ולמרות זאת נשא דברים במשך למעלה משעתיים רצופות, ללא הפסק.

הללו, השומעים, לא הבינו כלל מניין לרב אדוק בדתו ידע כה רב בכל התחומים. היו שם שני מתמטיקאים שהציגו בפני בעלי שאלות בחשבון, והיו המומים — כדבריהם — מתשובותיו.

בעיקר דיבר בעלי, כמובן, דברי חסידות. היו שם אחדים מאנ״ש, ואחד מהם ביקש ממנו שידבר יותר בענייני ״עבודה״, ולא כל־כך בענייני ״השכלה״...

היו תקופות שבהן היתה לבעלי ״אופוזיציה״ על דרכו באמירת דברי חסידות. היו שטענו שיש בדבריו יותר מדי ״קבלה״, ואחרים מצאו בדבריו יותר מדי ״השכלה״.

כשלעצמי הרי אינני מבינה בעניינים אלו, אבל ראיתי את אותם אנשים באים אליו, מתניהם משונסות על־מנת להציב בפניו דרישות לאין שיעור.

ברובם, לא היה בהם העוז לבקר את סגנון הלימוד שלו כשלעצמו; אבל היו ביניהם כמה, אם־כי מעטים למדי, שסברו משום־מה — כפי שהדברים נראו בעיניי — שמטעמים של "חסידות", ובשל הסמכות שבעלי נהנה ממנה בקרב הציבור, מחובתם לומר לו דברי ביקורת.

הם היו מגיעים, אפוא, כשבאמתחתם חומר שהיה בו (לדעתם) כדי לבסס את טענותיהם, ואותו הציגו בפתח דבריהם. אך הדבר היה נמשך דקה אחת בלבד, ומיד לאחר־מכן הם היו מתבטלים בפניו לחלוטין ונותרים ללא "אותיות" בפיהם (כפי שנהוג לומר). כשיצאו מאת פניו — הם כבר לא היו אותם אנשים שנכנסו, ולמחרת היו מגיעים אליו מתוך הכנעה וביטול.

תמיד היו מגיעים אל בעלי עם שאלות חדשות, ולא היו מקשיבים לדבריו, אלא היו "בולעים" את ההסברים שנתן להם, וכמעט תמיד היו קוראים בקול, באורח מוזר משהו: "אה! אה!"

דבר דומה התרחש עתה, בשעת ההתכנסות לרגל ברית־המילה.

נכחו במקום מאתיים איש, מקטגוריות רבות ושונות. העשירים מבין אנשי־עסקים אלו השתוממו על כך — מניין ההעזה להעיר לאדם שכזה באמצע ה"דרשה" (כפי שהם כינו זאת)?!...

בעבודתו הציבורית הוביל בעלי כמעט תמיד קו עצמאי. בתחילה היו לו מתנגדים, אבל עם הזמן תמיד היו כולם מתאחדים עמו[160], וממלאים אחרי דרישותיו מתוך דרך־ארץ גדולה.

בשנים האחרונות, תחת השלטון הסובייטי, כש"הרחוב היהודי" (כפי שנהגו לכנות זאת שם באותם ימים) היה חסר־חיים לחלוטין, ובפרט בתחום הפעילות בענייני דת, שהיתה אסורה באיסור חמור — הצליח בעלי להוציא אל הפועל דברים רבים, מהם "בהעלם" ומהם בגלוי. הוא היה עושה זאת מתוך גישה "פרולטרית"[161], ואלו שמתפקידם היה להפריע לו ולהבטיח שהדברים לא יבואו לידי פועל — העלימו עין.

---

160) ראה לעיל ע' 000. לקמן ע' 000.

161) כלומר: במסווה של פעילות פרולטרית (סיוע לפועלים עניים וכדומה).

## אין לחסידים "מונופול" על הרב...

באלמא־אטא, באזור שבו התגוררנו, היה קיבוץ ניכר של יהודים, ששכרו בית אצל קאזאחי מקומי כדי לקיים בו מניין לתפילות.

בשבתות ובימות החול הלכו לשם, בדרך־כלל, רק יהודים מבוגרים יותר. רק בימים טובים, וכן בשבתות שחלו במקרה ב"ימי מנוחה" — כמו למשל "ימי אוקטובר"[69] (ימי המהפכה) או האחד במאי[68], ועוד "ימים טובים" חדשים שכאלה — היו גם צעירים מתגנבים אל בית־הכנסת כדי להתפלל.

בין המתפללים היו הן יהודים לא־חסידיים והן אנ"ש, והיתה ביניהם מחלוקת — כמו, להבדיל, בין אדמו"ר הזקן ובין הגאון מווילנא. בשבת שלפני ב' ניסן[51] הכריז הגבאי שהיום לא יינתנו עליות לאיש מלבד לחסידי ליובאוויטש[162], וכמובן קמו מיד מתנגדים להכרזה זו. ובכלל — היחסים בין כל קבוצה לחברתה היו מאוד בלתי־ידידותיים, ומפעם לפעם הלכה המחלוקת והתחזקה.

כשדובר על הגעתו של בעלי לעיר — השקיעו החסידים את כל כוחותיהם כדי להבטיח שהדבר יישמר בסוד מפני הקבוצה היריבה. אבל בשבת בבית־הכנסת הם הבחינו בבעלי, וכמובן ניגשו אליו כדי לערוך היכרות אתו.

היו ביניהם מוקירי תלמידי־חכמים, שטענו כלפי קבוצת החסידים: גם הם שמעו על שניאורסון, ומאחר שגם הם מעוניינים בקשר עמו — מדוע יצרה קבוצת החסידים "מונופול" כדי למנוע מאחרים את הגישה אליו?!...

---

162) ראה מכתב אדמו"ר מוהריי"צ נ"ע מיום ה' אדר ראשון תרפ"א (אגרות קודש אדמו"ר מוהריי"צ ח"א ע' קמא): "בש"ק שלפניו [ב' ניסן] ישתדלו לעלות לתורה".

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישה**

וזוגתו מרת **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו מרת **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו מרת **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב